בס"ד

שבת מברכים אדר | ר"ח יום שישי ושב"ק | המולד ליל שישי 19:02 | 0 חלק'

שבת מברכים

# דער בלעטל טיב הקהילה אויף אידיש

יו"ל ע"י קהילת שבתי בבית ד'
בנשיאות מורנו ורבנו הרה"צ
רבי גמליאל הכהן רבינוביץ שליט"א

משפטים
כ"ד שבט תשפ"ה

די צייטן לויט אופק ירושלים

זמני הדלקת הנרות ומוצ"ש

| | |
|---|---|
| הדה"נ | 4:55 |
| מוצש"ק | 6:10 |
| ר"ת | 6:49 |

סוף זמן קריאת שמע ותפילה

| | |
|---|---|
| סוזק"ש א' 8:18 | סוז"ת א' 9:29 |
| סוזק"ש ב' 9:00 | סוז"ת ב' 9:58 |

די צייטן לויט די ווינטער זייגער

גליון מס': קכ"ג
שנה ג'

**לרגל 'שבת טהרינו' בקהילתינו הקדושה 'שבתי', ברענגען מיר דא א שמועס פון מורינו ורבינו שליט"א אויף די פרשה פון די וואך, וואס איז געבינדן מיטן ענין פון פגעי הטעכנאלאגיע**

## די חובת הזהירות אין גדרים וסייגים

**וְכִי יִגֹּף שׁוֹר אִישׁ אֶת שׁוֹר רֵעֵהוּ וָמֵת וּמָכְרוּ אֶת הַשּׁוֹר הַחַי וְחָצוּ אֶת כַּסְפּוֹ וְגַם אֶת הַמֵּת יֶחֱצוּן: אוֹ נוֹדַע כִּי שׁוֹר נַגָּח הוּא מִתְּמוֹל שִׁלְשֹׁם וְלֹא יִשְׁמְרֶנּוּ בְּעָלָיו שַׁלֵּם יְשַׁלֵּם שׁוֹר תַּחַת הַשּׁוֹר וְהַמֵּת יִהְיֶה לּוֹ: (כא, לה-לו)**

**מ'דארף אכטונג געבן אויף די גדרים, פונקט ווי מ'דארף אכטונג געבן אויף די גופי תורה**

פון די פאלגנדע פסוקים זעען מיר, אז דער חיוב אכטונג צו געבן אויף די גדרים און סייגים וואס מען האט מתקן געווען בלויז כדי זיך צו דערווייטערן פון אן עבירה, איז פונקט די זעלבע שטארק ווי מען איז מחויב אכטונג צו געבן אויף די גופי התורה, און ווער עס איז מזלזל אין די דאזיגע גדרים איז עס ממש אזוי ווי ער איז מזלזל אין די עבירות זעלבסט, רחמנא ליצלן.

ווייל אזוי זעען מיר, אז אינעם ערשטן פסוק רעדט די תורה פון דער חיוב התשלומין וואס ליגט אויפן בעל הבית פון א 'שור תם' וועלכער האט גע'הרג'עט דעם אקס פון זיין חבר, וואס דאס איז 'חצי נזק', האלב פונעם שאדן, און אינעם קומענדיגן פסוק רעדט די תורה איבערן חיוב התשלומין וואס ליגט אויפן בעל הבית פון א 'שור מועד' וואס דאס איז 'נזק שלם', דער גאנצער שאדן.

און אייגנטליך וואלט מען געדארפט פארשטיין, פארוואס ליגט בכלל א חיוב אויפן בעל הבית פונעם 'תם' צו באצאלן, אינדערצייט וואס ער האט איבערהויפט נישט געוואוסט אז ער פארמאגט אן אקס וואס איז אימשטאנד צו שטויסן? נאר וואס דען, דאס אליין אז ער האט אן אקס אין זיין רשות, דאס אליין איז שוין גענוג א סיבה אז ער זאל עס דארפן גוט אפהיטן, וויבאלד ער דארף חושד זיין דעם אקס טאמער עס איז א שטויסנדיגער אקס, און אפילו טאמער עס איז נאכנישט אזא סארט, דארף מען חושש זיין טאמער עס וועט אין א טאג פארוואנדלט ווערן אין א 'נגחן', און כאטש די 'נגחנים' זענען דער 'מיעוט', איז נאך אלץ דא אן ארט צו חושש זיין טאמער זיין אקס איז פון די מיעוט, אדער טאמער וועט ער אין אינעם צוקונפט זיך אנשליסן מיט די מיעוט.

למעשה, זענען מיר נאכנישט מחייב דעם בעת הבית פונעם 'תם', מער ווי די 'חצי נזק', וויבאלד פאקטיש איז ער נאכנישט אנגעזאגט אז ער דארף היטן זיין אקס מיט א 'שמירה יתירה'. אנדערש איז אבער ביי דער בעל הבית פונעם א 'מועד', וואס ער ווייסט דאך שוין מיט א זיכערקייט אז דער אקס וואס געפינט זיך אין זיין באזיץ [רשות] איז אן אקס וואס שטויסט, און עס איז שוין מקוים געווארן ביי אים דעם 'והועד בבעליו', און ער איז שוין געווען 'מחויב' צו אים היטן מיט א שמירה יתירה, כדי צו דערווייטערן זיין אקס פונעם שאדן, און וויבאלד ער האט זיך נאכגעלאזט און האט אים נישט גענוג דערווייטערט, איז ער מחויב געווארן 'פי שנים', טאפלט פון ביז יעצט, און ער דארף צאלן 'נזק שלם'.

זעען מיר פון דא, אז דאס נישט אכטונג געבן אויף די גדרים און הרחקות, איז פונקט אזוי הארב ווי נישט אכטונג צו געבן אויפן גוף החטא, און פונקט אזוי ווי מען באשטראפט אויפן עצם העבירה, באשטראפט מען אויך אויפן נישט אכטונג געבן אויף די גדרים און הרחקות.

**חמורים דברי סופרים מדברי תורה ובכלל זה גם דע"ת שבימינו**

נאכמער האבן אונזערע חכמינו ז"ל געזאגט (עירובין כא:): 'בני! הזהר בדברי סופרים יותר מדברי תורה. שדברי תורה יש בהן עשה ולא תעשה, ודברי סופרים - כל העובר על דברי סופרים חייב מיתה'. דאס הייסט אז מען דארף אכטונג געבן אויף די ווערטער פון די חכמים נאכמער ווי די ווערטער פון די תורה זעלבסט, ווייל די ווערטער פון די תורה טראגן מיט זיך אן עשה און א לא תעשה, אבער די ווערטער פון די חכמים איז ווער עס איז עובר אויף זיי איז ח"ו חייב מיתה.

אייגנטליך, דארף מען דאס פארשטיין. וויבאלד מיר ווייסן אז עס זענען דא אסאך גופי תורה וואס אפילו אויב מען איז עובר אויף זיי איז מען נישט חייב מיתה, אויב אזוי, פארוואס זאלן די 'דברי סופרים' זיין הארבער ווי די 'דברי תורה' זעלבסט? איז דא וואס זענען דאס מיישב, וויבאלד די תורה שבכתב איז אין די בחינה פון 'מלך', ווייל די ציווים וואס געפינען זיך אין איר זענען די גזירות פונעם אויבערשטן, און די ווערטער פון די חכמים זענען בלויז גדרים און סייגים וועלכע דערווייטערן דעם מענטש פון צו טון אן עבירה, און זיי זענען אזוי ווי די 'שומרי המלך', וועלכע טוען היטן דעם קעניג אז מען זאל אים נישט קענען אנרירן.

דער סדר פון דער וועלט איז, אז דער קעניג קען נישט באשטראפן און טויטן דער וועלכער האט עובר געווען אויף זיינע גזירות, אנדעם וואס פון פריער זאל ער אים שטעלן צום משפט און דעמאלטס וועט מען קלאר נאכפארשטן אלע איינצלהייטן פונעם זינד, און דעמאלטס אויב עס וועט קלאר ווערן אז עס איז נישטא קיין ארט אים צו בארעכטיגן, קען דער קעניג באשטימען זיין אורטייל. אנדערש איז אבער ביי די 'שומרי המלך', וועלכע זענען ערלויבט צו שעדיגן און צו הרג'ענען אן קיין חקירות ודרישות, יעדן איינעם וואס דערנענטערט זיך צום קעניג און זיי האבן א חשד אויף אים אז ער האט פיינט דעם קעניג און וויל זיין שלעכטס. קומט דאך אויס, אז טראצדעם וואס די שומרים פונעם קעניג האבן נישט אזא מאכט אזוי ווי דער קעניג, פונדעסטוועגן האבן זיי ערלויבעניש צו הרג'ענען די וועלכע ווידערשפעניגן אינעם קעניג, נאכמער ווי דער מאכט וואס דער קעניג זעלבסט האט דערצו.

און צוריק צו אונזער ענין. וויבאלד די חכמי התורה גייען אריין אין גדר פון 'שומרי המלך', האבן זיי די ערלויבעניש צו מחייב זיין מיתה פאר ווער עס איז עובר אויף זייערע רייד, טראצדעם וואס די תורה זעלבסט – וועלכע איז בבחינת 'מלך' – טוט נישט מחייב זיין מיתה אויף אסאך פון די עבירות.

אויך דארפן מיר געדענקען, אז 'דברי סופרים' איז נישט נאר אלע גדרים וואס די הייליגע חז"ל האבן מתקן געווען אין זייערע צייטן, נאר יעדער חכם אין זיין דור, וועלכער איז גודר גדר כדי צו עומד זיין בפרץ, איז זיין תקנה אין כלל פון 'דברי סופרים', און אויך אויף דעם האבן חז"ל געזאגט אז 'כל העובר על דבריהם'...

**ווער עס האלט ביי זיך אט די 'כלי משחית' זענען 'עוברים על דברי חכמים' לכל הדיעות**

לאמיתו של דבר, איז

## טיב המערכת

### רָזָא דְּגִלְגּוּלָא

רבי שמעון בר יוחאי האט אנגעהויבן צו דרש'נען און ער האט געזאגט, "ואלה המשפטים אשר תשים לפניהם", וואס אויף דעם זאגט דער תרגום "ואלין דיניא דתסדר קדמיהון", האט רבי שמעון געזאגט, "אלין אינון סדורין דגלגולא דינין דנשמתין דאתדנו כל חד וחד לקבל עונשיה".

מיט אט די ווערטער האט אונז רבי שמעון געוואלט מקדים זיין, אז די 'דיני ממונות' וואס מיר לערנען אין אט די פרשה, זענען געזאגט געווארן נאר פאר די מענטשן וועלכע געפינען זיך דא אויף דער וועלט, וואס זיי ווייסן נישט די חשבונות פון הימל, און ביי יעדן ספק אין געלט-זאכן דארפן זיי קלארמאכן וואס איז דער דין וואס ווערט גע'פסק'נט אינעם שולחן ערוך, און זיך פירן לויט די אנווייזונג פון די הייליגע תורה. זיי דארפן אבער וויסן און געדענקען, אז אויסער אט די דינים, געפינען מיר זיך אונטער די השגחה עליונה, און זי איז די וואס ווייזט אונז וואו און וויאזוי צו זיך אומגיין אין אלע עניני ממונות, לויט די חשבונות וואס זענען אנטפלעקט פארן הייליגן באשעפער.

וואס ווילן מיר זאגן דערמיט? צומאל מאכט זיך א דין ודברים צווישן צוויי מענטשן איבער געלט-זאכן.ביידע מענטשן זענען 'יודעי ספר', און יעדער איינער פון זיי טוט אויפווייזן פון די תורה אז די גערעכטיגקייט איז מיט אים, און ווען זיי קומען אן צום בית דין, טוט יעדער איינער פון זיי אראפלייגן זיינע טענות פאר די דיינים, און פראבירט ווייזן אז ער איז גערעכט. ביים שלוס פונעם דין תורה טוט דער בית דין ארויסגעבן א פסק-דין, וואו מען איז מחייב דער מחויב און מען איז מזכה דעם זכאי.

דעמאלטס קען דער שולדיגער טראכטן אז דער פסק איז חלילה נישט לאמיתו של תורה, וויבאלד ער איז דאך קלאר אין די סוגיות וואס רעדן פון אט דעם ענין, און אים זעט דאך אויס אז די דיינים האבן זיך טועה געווען אין זייער פסק.

דעריבער קומט רבי שמעון צו דעם מענטש און ער זאגט צו אים: וויסן זאלסטו, אז 'אלין סדורין דגלגולא דינין דנשמתין'. עס קען טאקע זיין אז דו ביסט גערעכט, עס איז מעגליך אז לויט די תורה ביסטו גערעכט און דיין חבר איז דער שולדיגער, אבער דו דארפסט וויסן אז דאס וואס דער דיין האט באשלאסן צו גערעכט מאכן דיין חבר איז בלויז די השגחה עליונה, ווייל דער אויבערשטער וואס ער איז דער מסבב כל הסיבות, ער ווייסט אז צוליב עפעס א געשעעניש אין דיין פריערדיגן גלגול, ביסטו שולדיג געלט פאר דיין חבר, און דער אויבערשטער איז "נצב בעדת קֵל", און ער איז דער וועלכער האט געבויגן די הארץ פון די דיינים לטובת דיין חבר, כדי דורכדעם זאל די אבידה צוריקגעקערט ווערן צו איר בעל הבית.

און דערפאר, האב נישט קיין טענות אויף די דיינים, נאר נעם אן דער פסק באהבה, און גלייב אז עס איז פאר דיין טובה, כדי צו פאררעכטן דאס וואס דו האסט געגרייזט אין דיין פריערדיגן גלגול.

און עס קען טאקע זיין, אז דאס האט דער פסוק געמיינט, ביים אנהייב פון אונזער פרשה, רופנדיג דעם בית דין מיטן נאמען 'אלקים', צו ווייזן אז דער "מעשה בית דין" איז מעשה אלקים ממש.

(עפ"י טיב התורה – משפטים)

טיב ההודעות

מען קען הערן שמועס'ן און דרשות
פון מורנו ורבנו שליט"א - אין א עקסטערע נומער
אידיש: 073-2951321 לשה"ק: 073-2951320

יו"ר הוועדה הרוחנית: ר' יעקב רבינוביץ | עורך: ש. גולדשטיין

ביז לעצטנס כמעט נישט געווען צו טרעפן אן ערליכער איד, פון די 'חרדים לדבר ה'', וואס מען האט אים געקענט באטיטלען אלס אן 'עובר על דברי חכמים', וויבאלד מיר געבן דאך אלע אכטונג אויף אלע גדרים און סייגים וואס די הייליגע חז"ל האבן באשטימט, און אויך זענען מיר אפגעהיטן אין אלע חרמות און תקנות וואס אונזערע הייליגע רבי'ס די ראשונים און אחרונים האבן גוזר געווען, און אפילו אין די זאכן וואס די גדולי הדורות האחרונים האבן אנגענומען להלכה און עס איז געווארן מקובל בתפוצות ישראל, געבט דאך יעדער אכטונג דערויף, אויסער פארשידענע זאכן אויף וועלכע עס איז דא א מחלוקת, און טייל פירן זיך אזוי ווי די מקילים, קען מען זיי אבער נישט אנרופן 'עבריינים', וויבאלד בסופו של דבר איז 'יש להם על מי לסמוך'.

לעצטנס אבער, איז געווארן א נייע סארט מציאות, אז עס זענען leider דא 'עבריינים' וואס נעמען נישט אן די ווערטער פון די חכמים, און דאס זענען די אזוינע וועלכע האלטן די כלים טמאים, וויבאלד עס איז דאך נישט דא קיין גדול מישראל וואס לדעתו איז מותר צו האלטן אט די כלים, אזוי אז פארן מקיל איז נישט מעגליך צו ענטפערן אז ער פארלאזט זיך אויף א געוויסער רב, אזוי אז עס מוז זיין אז ער רעכנט זיך נישט מיטן מיינונג פון די חכמי ישראל, איז ער דאך בגדר 'פורק עול' ממש!

**שמירת הקדושה איז דער יסוד פאר די גאנצע תורה**

די הייליגע חז"ל (ברכות יב:) דרש'נען אויפן פסוק (במדבר טו, לט) 'ולא תתורו אחרי לבבכם ואחרי עיניכם' – 'אחרי לבבכם זו מינות, ואחרי עיניכם זו זנות', און דער פסוק פירט אויס 'למען תזכרו ועשיתם את כל מצוותי והייתם קדושים לאלקיכם', מיט אט די ווערטער איז דער פסוק מעיד אז עס איז נישט מעגליך זוכה צו זיין צו מקיים זיין אלע מצוות אזוי ווי עס דארף צו זיין און צו זיין בגדר 'קדוש לה'', נאר אויב מען איז זיך מְקַדֵּשׁ די אויגן און מען זעטיגט זיי נישט מיט מראות וועלכע ערוועקן דעם מענטש צו זנות רח"ל, און אזוי ווי מיר זעען בחוש אז די מצוה איז דער 'יסוד' פארן קיום כל התורה, און יעדער רפיון אין די עיקרי הדת קומט ארויס פון א זלזול אין אט דעם יסוד, ווייל צום ערשט ווערט ער געצויגן נאך זיינע אויגן צו זינדיגן מיטן זינד אין דער ענין פון קדושה, רח"ל [אזוי ווי רש"י שרייבט דארט: 'העין רואה והלב חומד והגוף עושה את העבירות'], און נאכדעם וואס ער ווערט נכשל אין דעם, ווערט ער שטארק דערווייטערט פונעם אויבערשטן, און אלץ רעזולטאט [תוצאה] דערפון לאזט ער זיך נאך פון אלע מצוות, און ער איז מזלזל אין אלע עיקרי הדת, רחמנא ליצלן.

**די כלי משחית זענען דער געווער פון די סטרא אחרא אין עקבתא דמשיחא**

צום באדויערן, איז דאס קענטליך ביי די וועלכע האבן די טמא'נע כלים. אמאליגע צייטן האט דער יצר געבוזשעוועט אין די גאסן פון שטאט, און יעדער איינער האט געהאט דער פליכט אויף זיך צו אכטונג געבן און זיך היטן בלויז ביים ארויסגיין צום רשות הרבים. היינטיגע צייטן אבער, בעקבתא דמשיחא, שטארקן זיך די סאלדאטן פון די סטרא אחרא, און פראבירן אריינצודרינגען אפילו אינעם רשות היחיד, און א נייע טעכנאלאגישע ערפינדונג איז צוגעשטעלט געווארן דורך זיי, דאס איז דאך דער שרעקליכער כלי וואס היינט-צו-טאגס קען מען עס אויך איבערגעבן פון איין האנט צום אנדערן, און עס פארברענט יעדער נשמות אן צו מבחין זיין בין טובים לרעים ר"ל, און דעריבער ליגט א חיוב אויף יעדן איינעם וואס וויל תשובה טון אויפריכטיג, צו מבער זיין אלע ערליי שלעכטע כלים פון זיין רשות, און להזהיר גדולים על הקטנים אז אט די כלים זענען אסור און זענען **בל יראה און בל ימצא**. נאר אזוי וועט מען קענען פארעכנט ווערן פאר א 'בעל תשובה'.

**אויך ביי עניני פרנסה איז א חיוב זיך צו דורכרעדן מיט א 'דעת תורה'**

עס זענען דא אזעלכע וואס זאגן אז זיי דארפן עס האבן פאר פרנסה, מען דארף אבער געדענקען אז ביי אזעלכע ענינים איז נישט מעגליך פאר א מענטש אז ער זאל אליין באשליסן אן זיך צו דורכרעדן פריער מיט א 'דעת תורה'. ער זאל אראפלייגן פארן רב אלע סיבות וואס צוליב זיי זעט אים אויס אז ער דארף עס האבן, און בלויז דער דעת תורה זאל באשליסן אויב זיינע רייד זענען ריכטיג, ווייל צומאל איז נישטא אין דעם קיין שום בארעכטיגונג צו האלטן אזעלכע כלים, און דאס איז בלויז דער יצר הרע וועלכער רעדט ארויס פון זיין האלז...

אויך אויב דער דעת תורה וועט איבערצייגט ווערן אז דער מענטש איז גערעכט, איז נאך אלץ נישטא קיין שום היתר צו האלטן אזעלכע כלים וואס האבן נישט קיין שטארקער 'פילטער' פון א קאמפאני וואס מאכט נישט קיין פשרות אין קיין שום מצב, וויבאלד נאר אזוי קען מען זיכער זיין אז מען וועט חלילה נישט נכשל ווערן אין קיין שום זעאונג פון איסור, און אויך דעמאלטס דארף מען וויסן און געדענקען אז מען טאר זיך נישט דרייען מיטן כלי אין דער עפנטליכקייט, וויבאלד דער מציאות איז דאך אז אויך א כלי מיט א פילטער איז א 'מציאות פון בדיעבד', און אַן ענין טוט מען באהאלטענערהייט. משל למה הדבר דומה, אויב די דאקטוירים האבן גע'אסר'ט פאר איינעם צו עסן פאסטן אום יום הכיפורים, איז כאטש ער איז מקיים א מצוה מיטן עסן, וועט ער אוודאי נאר עסן באהאלטענערהייט, וויבאלד ער שעמט זיך צו ווייזן אז ער איז אנדערש ווי אלע אנדערע. איז דאך על אחת כמה וכמה ביי אט די כלים, אז אויך ווער עס דארף עס האבן פאר פרנסה, קען מען אים נישט מגדיר זיין ווי אן 'עושה מצוה', דעריבער דארף ער זיך שעמען צו באווייזן דערמיט איבער די גאסן.

בנוסף דערצו, איז אויך דא אן ענין פון א קאלטקייט און א מכשול פארן רבים, וויבאלד עס זענען דא אזעלכע וואס גלוסטן צו אט די טמא'נע כלים, און וויבאלד זיי ווייסן אז זיי וועלן דערווייטערט ווערן פונעם געזעלשאפט האלטן זיי זיך צוריק פון האבן אזעלכע כלים, אבער אויב וועלן זיי זען ווי פלוני און אלמוני דרייען זיך ארום מיט אזעלכע כלים, וועלן זיי אויך באשטימען אראפצונעמען פון זיך דעם 'עול הציבור'... און זיי ווייסן דאך נישט אז דא רעדט זיך עס פון א געפילטערטע כלי.

**בני חיי ומזוני פאר די וועלכע שיידן זיך אפ פון אט די כלים**

מיר ווייסן אז 'מידה טובה מרובה ממידת הפורעניות חמש מאות פעמים' (זע רש"י שמות לז, ז), און אויב האבן מיר געזאגט אז די וועלכע האלטן טמא'נע כלים זענען מוגדר אלץ חייבי מיתה, מוז דאך זיין אז די וועלכע רייסן זיך אפ פון אט די כלים, פארמאגן ריזיגע זכותים לחיים ארוכים פאר זיי זעלבסט און פאר זייער הויזגעזינד און פאר זייערע ווייטערדיגע דורות, און אזוי ווי זיי זענען ראוי צו 'חיי' זענען זיי אויך ראוי צו 'בני', ווייל ביי זיי קען דער אויבערשטער איבערגעבן הייליגע נשמות, וויסנדיג אז זיי וועלן אפגעהיטן ווערן בקדושה, און אזוי ווי זיי זענען ראוי צו 'מזוני' וויבאלד אזוי האט דאך דער אויבערשטער געזאגט (דברים רבה פרשת ראה): 'שִׁמְעוּ לִי, שאין אדם שומע לי ומפסיד', און אויב דער מענטש שטארקט זיך איבערן יצר וואס רעדט אים איין אז ער וועט האבן פרנסה דווקא מיט די כלים, וועט אים דער אויבערשטער אוודאי צושטעלן פרנסה אויך אן זיי.

וועלן טאקע געבענטשט ווערן אלע וואס שיידן זיך אפ פון אט די כלים, מיטן ברכה המשולשת '**בני חיי ומזוני רוויחי**', און אין זכות פון אכטונג געבן אויף קדושת העינים, וועלן מיר זוכה זיין צו זען עין בעין בשוב ה' ציון בב"א.

# טיב הפרשה

# למען ינוח שורך וחמורך

## די השפעה פון קדושת שבת אויף די סביבה און אויף די שטוב

אין די וואכעדיגע סדרה לערנען מיר וועגן אסאך מצוות, צווישן זיי אויך איבער די מצוה פון שמירת שבת.

די תוה"ק זאגט אן פאר'ן איד 'ששת ימים תעשה מעשיך וביום השביעי תשבות למען ינוח שורך וחמרך וינפש בן אמתך והגר'.

די תוה"ק זאגט אן פאר'ן איד ער זאל האלטן שבת, און פירט אויס אז אויב דו וועסט היטן שבת וועט אויך דיין אקס און דיין אייזל האלטן שבת און אויך דער זון פון דיין דינסט און דער גר.

אז מען איז זיך מתבונן אין די ווערטער פון די הייליגע תוה"ק ווערט שווער א קשיא. מען וויל פארשטיין וואס האט איין זאך צו טון מיט די אנדערע, פארוואס אויב דער איד וועט אפהיטן דער שבת וועט אויך זיין אייזל און זיין גר אפהיטן שבת.

בדרך אפשר קען זיין אז די תוה"ק וויל דא מרמז זיין אז די מעשים פון א איד האט א השפעה אויף די סביבה, אויך ווען ער אליין לייגט נישט צו קיין קאפ דערצו. די נקודה זעט מען אין אסאך ערטער אבער ביתר שאת זעט מען עס ביי חינוך פון די קינדער.

ווען מען איז מחנך א קינד איז דער עצם חינוך א מצוה אבער מער ווי די חינוך איז משפיע איז די מעשים פון דער מענטש משפיע פאר די קינדער. אז א קינד זעט אז זיין טאטע איז נזהר אין די זאכן וואס ער זאגט אים אן צו זיין נזהר וועט ער אויך זיין נזהר אין זיי. דאגעגן אויב די עלטערן וועלן רעדן איבער א זאך און זיי אליין וועלן נישט נזהר אין דעם - וועט דאס קינד עס נישט אריינגעמען אין זיך.

ביי א קינד איז דא ביידע בחינות. פון איין זייט איז דאס קינד נאך קליין. ער פארשטייט אז ער איז יונג אז זיין שכל איז נישט גענוג רייף, אבער דאגעגן וויל ער אויך נישט מקבל זיין פון אנדערע, ווי דער פסוק זאגט 'יצר לב האדם רע מנעוריו'.

דער קינד וויל נישט מקבל זיין, אבער אז ער זעט אז די נושא איז חשוב ביי זיינע עלטערן וועט ער עס מקבל זיין פון זיי.

דער ענין איז סיי על פי פשטות, אבער עס איז אויך דא דערין אן סגולה'דיגער זאך.

אין די ספרים הק' ווערט מבואר אז יעדע פעולה וואס א איד טוט איז ער ממשיך מיט דעם קדושה פאר די שפעטערדיגע דורות. ווען א טאטע פירט זיך ווי עס דארף צו זיין איז ער ממשיך כוחות הקדושה פאר זיינע קינדער און ער איז זוכה דורך זיי אז זיי זאלן גיין אין זיינע וועגן.

א מצוה איז ממשיך שפע פאר א איד, און ווען עס רעדט זיך פון א מצוה ווי שב"ק האט עס א גרעסערע כח און עס איז ממשיך נאך מער קדושה ווי אייביג, און דאס טוט די תוה"ק מגלה זיין דא.

די תוה"ק זאגט פאר'ן איד אז די קדושה פון שבת איז אזוי גרויס אז ווער עס איז מקיים די שבת איז עס בכח ממשיך צו זיין קדושה סיי פאר זיך און סיי פאר די שטוב, און אז עס איז אויך ממשיך קדושה פאר די חפצים וואס א איד האט אין שטוב ווי די בהמה, די עבדים, ווייל שבת איז אזוי הייליג, אז די גאנצע שטוב פון דער איד ווערט נתקדש דורך איה, און נישט נאר די שטוב ווערט הייליג דורך איה, אויך די סביבה, אויך דער גר און דער תושב באקומט קדושה פון איר.

די בחינה טרעפן מיר אין חז"ל ביי דער חמור פון רבי פנחס בן יאיר [חולין ז.] ווי די חכמים דערציילן אז דורך זיין קדושה האט ער משפיע געווען אז אויך זיין אייזל איז נתקדש געווארן פון זיין קדושה, אז זי האט נישט געוואלט עסן אומגע'מעשר'טע עסן.

מען זעט פון דעם אז ווען די קדושה איז גרויס איז עס אויך משפיע אויף די סביבה און אויך די חומרות'דיגע זאכן אין שטוב - ווייל די קדושה האט א השפעה.

דער תנא רבי פנחס בן יאיר האט זוכה געווען אז אויך ביי מעשר איז נתקיים געווארן ביי אים די בחינה, אבער ווען עס רעדט זיך פון שב"ק וואס איר קדושה איז אזוי גרויס, קען עס זיין ביי יעדע זאך.

איך האב אמאל געהערט פון דער באקאנטער מגיד רבי שבתי יודלעוויטש זצ"ל די בחינה. ער האט געזאגט אז מען זעט אז אויך די וואס זענען ווייט פון אידישקייט, איז אבער דא געוויסע מצות וואס זענען געבליבן ביי זיי און אויך זיי היטן עס ווי די מצוה פון יום כיפור, פון נישט עסן חמץ אין פסח. דער מגיד האט געגעבן צו פארשטיין, אז די סיבה דערצו איז ווייל די געדאנקען איז ביי אונז זייער שטארק און ווייל מיר היטן עס בקדושה גייט עס אריבער צו די סביבה.

דאס אלעס קומט אונז צו לערנען וויפיל מען דארף זיין נזהר אין די ענינים און אכטונג געבן אפצוהיטן די אלע זאכן, ווייל עס האט א גרויסער כח ביי אונז און עס גייט אריבער צו די קינדער.

א איד וועלכער איז אריבער די ביטערע קריג האט מיר דערציילט אז אין די שווערסטע צייטן האט ער זיך אפגעהיטן און נישט געגעסן קיין דברים אסורים. ווען מען האט אים געפרעגט פון וואו האט ער געהאט די כוחות דערצו, האט ער דערציילט אז ביי זיי אין שטוב איז די נושא פון כשרות געווען א שטארקע נושא און ער האט עס מיטגענומען מיט זיך און עס האט אים באגלייט אלע דורות.

דער איד האט צוגעלייגט אז אדאנק דעם איז ער געבליבן ערליך און אויך משפיע געווען פאר זיינע ארומיגע.

ווען מען איז זיך מתבונן פון וואו אלעס האט זיך אנגעהויבן, זעט מען אז אלעס האט זיך אנגעהויבן ביי זיי אין שטוב און דאס האט משפיע געווען אויף אים און געגעבן כח פאר אים און פאר זיינע קינדער, און דאס איז א לימוד פאר אונז ווי שטארק מען דארף זיך האלטן אין שטוב צו די אלע ענינים.

זאל הקב"ה געבן אז מען זאל זוכה זיין צו זען ערליכע לעכטיגע אידישע דורות און זיי מחנך זיין ווי עס דארף צו זיין.

## טיב ההשגחה

### מעשיות אויף השגחה פרטית

געשריבן דורך לייענערס

# השגחה פרטית וועלכע ווערטער צאל אריינגיין אין איין אויל

פאר לאנגע יארן טו איך אין מדריך זיין יונגע חתנים בעניני שלום בית.

עס איז נישט קיין גרינגע ארבעט, צומאל פאדערט עס אסאך יגיעה און אסאך קאפ און מח.

מיר ווייסן דאך אז יעדער איינער איז אנדערש, יעדנס קאפ טראכט אנדערש, עס איז דא גרינגערע מענטשן און דאגעגן איז דא שווערערע מענטשן און די שווערִיגקייטן שפיגלט זיך אפ ביי די קעיסעס און מען דארף סייעתא דשמיא אין יעדן פאל.

אין יעדע ארבעט איז מען זוכה צו זען יד ה', אבער ביי מיר זעה איך עס אויף טריט און אויף שריט.

איך וויל דא מיטטיילן איין פאל ווען איך האב געזען בחוש ווי אזוי הקב"ה שיקט מיר אריין די ווערטער אין מויל אריין.

אין א טאג איז געקומען צו מיר א פארפאלק. דער מאן האט זיך באקלאגט אז ער האט שוועריגקייטן אין שטוב און מען אטאקירט אים זייער אסאך. נאכ'ן בודק זיין די נושא האב איך זיך אריינגעלייגט אין די זאך און אויסגעארבעט א שטיקל מהלך וואס עס קען גיין און ארבעטן פאר זיי אז די שטוב זאל זיך פירן על מי מנוחות.

דער יונגערמאן האט אנגענומען די הערות, אבער א רגע איידער ער איז ארויס פון מיר האט מיר השי"ת אריינגעשיקט א הארה. איך האב געזאגט פאר דער יונגערמאן אז ער דארף וויסן אז בנוסף צו די נקודה דארף ער אויך איינ'חזר'ן ביי זיך אז אסאך מאל דארף א מענטש אריבערגיין תיקונים אויף די וועלט, ער דארף מיטמאכן יסורים, בזיונות און צומאל דארף עס קומען פון שטוב.

"צומאל שיקט מען עס אונטער מיט געזונט, צומאל מיט שוועריגקייטן אין געלט און צומאל מיט בזיונות אין שטוב".

איך האב אים דערציילט איבער א יונגערמאן וואס האט געליטן פון אזעלכע אויסברוכן, און ווען ער האט זיך געטראפן אין אזא סיטואציע איז ער אריין אין צימער און געזאגט פאר הקב"ה אז ער איז אלעס מקבל באהבה און עס פלעגט נישט נעמען לאנג און זיין בני בית איז געקומען און אים איבערגעבעטן פאר די מעשים און פאר די עגמת נפש וואס זי האט אים גורם געווען, זאגנדיג אז זי האט עס נישט געמיינט.

דער יונגערמאן האט עס אנגענומען און איז אהיימגעגאנגען. א שטיק צייט שפעטער איז ער צוריקגעקומען און געזאגט אז די עצה האט אים שטארק געהאלפן און אז פון דעמאלטס ווערט ער נישט אזוי שנעל דערשראקן פון אן אטאקע, נאר ער שטארקט זיך וויסנדיג אז אלעס איז פון הימל.

איך האב געזען בחוש ווי אזוי הקב"ה האט מיר אריינגעשיקט די ווערטער אין מויל אריין, און ווי אזוי איך האב געקענט אדאנק דעם צוריקשטעלן א אידישע משפחה אויפ'ן פלאץ אז אלעס זאל זיך פירן על צד היותר טוב פון היינט און ווייטער.

דערציילט דורך דער בעל המעשה: ה. ש.

## טיב המעשיות

# תיקון המדות שבין אדם לחבירו אין די ימי השובבי"ם

**"ואלה המשפטים אשר תשים לפניהם"** כא, א

איז **רש"י** מפרש (לויטן מדרש שמות רבה ל, ג): "כל מקום שנאמר 'אלה' פסל את הראשונים, 'ואלה' מוסיף על הראשונים, מה הראשונים מסיני אף אלו מסיני", ע"כ.

די קשיא איז דאך באוואוסט, פארוואס דארף מען האבן א ספעציעלע דרשה עס צו פארגלייכן צו די פריערדיגע דיבורים, צו ווייזן אז עס איז אויך געגעבן געווארן אויפן בארג סיני, אינדערצייט וואס דער פסוק איז אונז דאך קלאר מודיע אנהייב פרשת בהר, מיט א כלל פאר כל התורה כולה אז 'פרטותיה ודקדוקיה מסיני', אזוי ווי די באוואוסטע ווערטער פון **רש"י** דארט אויפן פלאץ (ויקרא כה, א): "מה ענין שמיטה אצל הר סיני, והלא כל המצוות נאמרו מסיני. אלא, מה שמיטה נאמרו כללותיה ופרטותיה ודקדוקיה מסיני, אף כולן נאמרו כללותיהן ודקדוקיהן מסיני", עכ"ל. אויב אזוי, פארוואס דארף מען האבן נאך א דרשה אין אונזער פרשה, און צולייגן אן אות ו' כדי צו לאזן וויסן אז אויך די משפטים זענען געגעבן געווארן אויפן בארג סיני.

נאר, די ספרים הקדושים לערנען ארויס פון דא, איבער די מהות פון די משפטים שבין אדם לחבירו, און דאס קומט אויסצושליסן פון דאס וואס די פארבלאנדזשעטע מיינען אז די משפטים זענען בלויז א הנהגה צווישן מענטשן, און איז נישט מער ווי עפעס וואס ווערט געטון כדי צו אנהאלטן דעם גוטן סדר אויף דער וועלט, אזוי ווי מיר האבן געלערנט אין **פרקי אבות** (פ"ג מ"ב) אנבאלאנגט די חוקי המלכות: "שאלמלא מוראה איש את רעהו חיים בלעו", און ביי זיי איז עס טאקע נישט מער דערפון.

דעריבער קומט די דרשה אין אונזער פרשה, "ואלה מוסיף על הראשונים", צו ווייזן אז די משפטים ביי אידן שבין אדם לחברו, זענען אויך מצוות וואס זענען געגעבן געווארן צו אונז פון אונזער לעכטיגער באשעפער, און זענען הלכה למשה מסיני פונקט ווי אלע מצוות. פונקט ווי די עשרת הדברות וואס זענען געגעבן געווארן מיט פייער, האבן אויך די משפטים פילע סודות, רזין דרזין גבוה מעל גבוה, און דער תיקון המידות וואס יעדער אידיש קינד דארף מתקן זיין, איז יסודתם בהררי קודש, הלכה למשה מסיני, און זיי טראגן מיט זיך תיקונים עליונים וואס זענען גאר דערהויבן און טוען משפיע זיין לעילא ולתתא.

-›•‹-

די פאלגנדע מעשה נורא אין די ענינים שבין אדם לחבירו, האב איך געהערט מפי מורי ורבי **הגה"צ רבי בנימין רבינוביץ זצוק"ל** דיין ומו"צ דפה עיה"ק ת"ו, **אדמו"ר ממשכנות הרועים:**

אינעם הויפטשטאט ווין האט געוואוינט דער באוואוסטער אידישער שתדלן לשם ולתהלה **רבי שמשון ווערטהיימער זצ"ל**, וועלכער איז געווען מקורב למלכות, און פלעגט שטענדיג גיין און קומען ביי די חשוב'ע קעניגן און שרים לטובת זיינע אידישע ברידער.

ביי איינע פון זיינע באזוכן אינעם קעניגליכן פאלאץ, האט זיך דער שמועס געצויגן איבערן פראכטפולן פארגאנגענהייט פונעם אידישן פאלק, און וואס אייגנטליך איז זייער נאטורליכער ארט אין ארץ ישראל, און נאר אויף צייטווייליג דרייען זיי זיך אין גלות, אין די פארשידענע פילע ערטער וואו זיי זענען צושפרייט, ביז מען וועט זוכה זיין אינגיכן אויסגעלייזט צו ווערן און מיר וועלן זוכה זיין לעלות ולראות בהר הקודש בירושלים.

און פארוואס ווערט איר נאכנישט אויסגעלייזט – האט דער קייסער געפרעגט – פארוואס שיקט אייך נישט גאט דער אויסלייזער צו אייך, אז ער זאל אייך ארויסציען פונעם גלות, און ענק ארויסנעמען פון אלע אייערע ענגשאפטן?

אונזערע רבי'ס לערנען אונז – האט רבי שמשון ערקלערט – אז דער טעם פארוואס די אידישע גלות איז אזוי לאנג, איז בעיקר צוליב מחלוקת און דער זינד פון **'שנאת חינם'** רחמנא ליצלן, וואס ליידער איז מען נאך אנגעשטעקט דערמיט, און דאס איז וואס האלט צוריק די גאולה פון כלל ישראל.

דער ענטפערט פון רבי שמשון, האט איבערהויפט נישט באפרידיגט דעם קייסער. **דאס איז דאך נישט מעגליך!** האט דער קייסער גע'טענה'עט. וועגן אזא קליינער זאך, אז מען קומט זיך נישט דורך איינער מיטן אנדערן, זאל מען ליידן אזויפיל יארן אין גלות? – דאס קען דאך נישט זיין. עס מוז זיין, האט דער קייסער אויסגעפירט, אז עס זענען דא הארבערע זינד, וואס זענען אסאך ערגער ווי דעם, און איר באהאלט פון מיר עפעס הארבע און שרעקליכע זאכן וואס קומען פאָר ביי אייער פאלק!

רבי שמשון האט פראבירט געבן צו פארשטיין פארן קייסער אז אט די משפטים זענען נישט בלויז א 'סדר' צווישן מענטשן, נאר דאס זענען יסודיות'דיגע מצוות דורך וועלכער דער אידישער פאלק טוט זיך האלטן, און דאס ליבשאפט און אחדות צווישן אידישע קינדער איז דער שורש פון אונזער קיום און אונזער אויסלייזונג, דעריבער, צוליב אט די מחלוקת'לעך צווישן אידן טוט זיי דער אויבערשטער נאכנישט אויסלייזן. – דער קעניג איז אבער נישט געווען מסוגל דאס אנצונעמען, וויבאלד זיין בליק איז געווען אז די משפטים בין אדם לחבירו איז נישט מער ווי די געזעצן פון אלע מדינות, להבדיל, און דערפאר האט ער געמיינט אז פארן צושטערן אזעלכע געזעצן קומט זיך נישט פאר אידישע קינדער אז מען זאל ליידן אזויפיל צרות און רדיפות.

וויפיל דער קייסער האט אריינגעטראכט אין דעם, אלץ מער האט זיך געשטארקט זיין חשד אז מען באהאלט דא עפעס פון אים. ער האט מורא געהאט אז מען באהאלט פון אים וויכטיגע אינפארמאציע וואס איז זייער וויכטיג פאר זיין קעניגרייך. – ביז ער האט ארויסגעגעבן א שווערע גזירה, אז ביז א וואך פון דעמאלטס, מוז אים רבי שמשון געבן א קלארע און פארשטענדליכע ענטפער, פארוואס די אידן האבן נאכנישט זוכה געווען אויסגעלייזט צו ווערן, און אויב וועט ער נישט באקומען דער ענטפער, זענען אלע אידן פארטריבן פון זיין גאנצע קעניגרייך!

די גזירה איז אנגענומען געווארן מיט א שרעקליכן ציטער ביי די אידן. אין אלע שולן זענען פארגעקומען מעמדים פון תפילה און געשרייען צום אויבערשטן, מיט בכיות און תחנונים להעביר את רוע הגזירה.

ווען דער צדיק רבי שמשון האט געזען דער שרעקליכער מצב, האט ער זיך אנגעטון א זאק און האט פארמערט מיט תעניתים און תפילות פארן אויבערשטן אז ער זאל אים געבן א גוטן ענטפער, וואס וועט בארואיגן דעם קייסער. אין אוונט, ווען רבי שמשון האט זיך געלייגט שלאפן, האט ער געמאכט א **'שאלת חלום'**, און האט געבעטן אז ער זאל קלאר וויסן וואס ער האט צו טון כדי צו בארואיגן דעם קייסער און צו מבטל זיין דעם שרעקליכן גזירה. האט מען אים געענטפערט מן השמים, אז דאס וואס ער האט ערקלערט פארן קייסער דאס איז טאקע די ריכטיגע תשובה, און אין די נאנטע טעג וועט עס דער קייסער אליין פארשטיין.

-›•‹-

אויפצומארגנס האט זיך דער קייסער ארויסגעלאזט אין וואלד, ווי זיין שטייגער איז געווען פון צייט צו צייט זיך ארויסצולאזן אין די וועלדער, צו פאנגען חיות, און אזוי יאגנדיג נאך א שנעל-לויפנדער הערש, האט דער קעניג נישט געפילט ווי ער דערווייטערט זיך פון זיין גרופע און פון זיינע וועכטער, און ער איז פארלוירן געווארן אינעם ריזיגן וואלד, און אזוי האט ער לאנג געזוכט דעם וועג ארויס, נישט וויסנדיג וואס ער קען דא טון צו טרעפן דעם וועג אהיים. ווען דער פמליא פונעם קעניג האבן געזען אז א לאנגע צייט איז אדורכגעגאנגען און דער קעניג איז נאכנישט צוריקגעקומען, האבן זיי אנגעהויבן צו ווערן באזארגט. פילע סאלדאטן האבן זיך צושפרייט איבערן וואלד אים צו זוכן אין יעדן ווינקל, און ווען זיי האבן אים נישט געטראפן, זענען זיי געקומען צום אויספיר אז ער האט מסתמא געטראפן אליין דעם וועג און האט זיך צוריקגעקערט צום פאלאץ מיט אנדערע שומרים, און האבן זיך געוואנדן אין ריכטונג פון שטאט.

דער נאכט האט זיך אראפגעלאזט אויפן גאנצן ארום, און שטארק פינסטער איז דארט געווארן. אזוי

המשך אין עמוד ד'

דרייט זיך דער קעניג מיט פחד און שרעק צווישן די ביימער. די חיות האבן אנגעהויבן לאזן הערן זייערע שרעקליכע קולות, און דאס שרעקליכע קעלט האט ארייגעדרינגען אין די ביינער פונעם קעניג. שרעקליך דערציטערט איז דער קייסער געווען, וויסנדיג אז זיין לעבן איז אין א גרויס געפאר, נישט טרעפנדיג קיין וועג ארויסצוגיין פונעם גרויסן וואלד.

ווען דער קעניג האט אריינגעטראכט אין זיין מצב, האט ער פארשטאנען אז אזוי צו בלייבן אין וואלד דורכאויס דער גאנצער נאכט איז אן אוממעגליכער זאך, וויבאלד עס איז א שרעקליכע סכנה. האט ער דעריבער באשלאסן בלית ברירה אז ער וועט ווייטער שפאנען אינעם פינסטערניש, ביז ער וועט טרעפן עפעס א וועג ארויס.

און אזוי, נאך לאנג וואנדערן, האט ער פלוצלונג געזען פונדערווייטנס א ליכטיגקייט וואס שיינט. ער האט פארשנעלערט זיינע טריט אינעם ריכטונג פונעם שיין, און ווען ער האט זיך מער דערנענטערט האט ער געזען אז עס געפינט זיך דארט א קליינעם רואיג דערפל. ווען ער איז אנגעקומען גענוג נאנט, האט ער באמערקט אז צו זיינע פיס שפרייט זיך אויס א פליסיגן טייך, וואס טיילט אפ צווישן דער וואלד און דעם דארף. דער קעניג האט טאקע געקענט שווימען, אבער דא האט ער געזען אז עס איז פארהאנען אן אנדער שוועריגקייט. וויבאלד ער איז געווען אנגעטון אין זיינע בעסטע מלבושים, האט דאס אים זייער שווער געמאכט צו שווימען. דער קעניג האט קיין אנדערע ברירה נישט געהאט, און ער האט אויסגעטון זיינע טייערע קליידער, און זייענדיג אנגעטון בלויז מן א דינעם העמד, האט ער אריבערגעשווימען דעם טייכל, ביז ער איז אנגעקומען צום דארף.

צו זיין פרייד, איז דאס שווימען אים גאנץ לייכט אנגעקומען, און דורכגעווייקט פון קאפ ביז פיס און ציטערנדיג פון קעלט, האט ער זיך דערנענטערט צום ערשטן הויז און לייכט אנגעקלאפט. דער גוי וועלכער האט געעפנט דעם טיר, איז דערשראקן געווארן פון זיין מאדנעם אויסזען, א דורכגעווייקטע העמד וואס טראפט פון זיך וואסער אן אויפהער, נישט אויסזעענדיג ווי א מענטשליכער באשעפעניש, און האט גלייך צוריק פארמאכט די טיר. – דאס זעלבע איז אויך געשען ביי די אנדערע גוי'אישע הייזער ווי דער נעבעכדיגער קעניג האט פראבירט ארייצוקלאפן, ביז ער איז אנגעקומען צו א אידיש הויז מיט א גרויסן 'מזוזה' אויפן טיר!

דער בעל הבית וועלכער האט געעפנט די טיר, האט גלייך פארשטאנען אז דאס איז א נעבעכדיגער דורכגייער, וועלכער האט זיך מסתמא פארבלאנדזשעט אין וואלד און האט דורכגעשווימען די טייך. מיט זיין גרויס רחמנות האט ער אים אריינגענומען אין זיין הויז, און אים אוועקגעזעצט ביים אויוון זיך צו דערוואַרימען, און אים אנגעטון פרישע און ווארימע קליידער, און אים געזעטיגט מיט א ווארימע און זעטיגע מאלצייט. ווען ער איז אביסל געקומען צו זיך, האט ער אים געוויזן א גוטע בעט וואו ער וועט זיך קענען אביסל אויסרוען, אינעם גאסט־צימער.

ווי נאר עס איז געווארן טאג, האט זיך דער קעניג אויפגעוועקט פון שלאף מיט פרישע כוחות. אן צו אנטפלעקן ווער ער איז, האט ער זיך הארציג באדאנקט פאר זיין אידישער גאסטגעבער, און אים געבעטן אז ער זאל אים צופירן אין זיין וואגן צום הויפטשטאט ווין. אנקומענדיג צום גאס פון די קעניגליכע פאלאץ, האט זיך דער איד אפגעשטעלט, מורא האבנדיג ווייטער צו פארן, טאמער מען וועט אים חושד זיין אלץ א שפיאן [מרגל], אבער דער קייסער האט אים בארואיגט און אים געוויזן אן אנדער וועג פון וואו מען קען פארן אן צו ווערן געזען דורך די שומרים פונעם פאלאץ. אנקומענדיג נאנט צום ארט וואו דער קעניג וואוינט, האט זיך דער קעניג נאכאמאל באדאנקט צו זיין רעטער, און האט זיך שטילערהייט אריינגעגליטשט אין פאלאץ דורך א באהאלטענער אריינגאנג.

-›•‹-

דער קעניג איז גלייך געגאנגען צו זיין צימער, און זיך צוריק אנגעטון זיינע קעניגליכע קליידער, מיטן קעניגליכן קרוין אויפן קאפ, און איז גלייך ארויסגעגאנגען צו זיינע באדינער וועלכע האבן זיך זייער שטארק געפריידט צו זען אז דער קעניג איז טאקע צוריקגעקומען פונעם וואלד. דער קייסער האט גלייך באפוילן פאר זיין רייטער אז ער זאל שוין יעצט אריינרייטן אין שטאט, און אויפזוכן א איד וועלכער פארט יעצט מיט אזא און אזא סארט וואגן, און אים גלייך ברענגען צום פאלאץ, נאך איידער ער וועט זיך אויסדרייען און ארויספארן פון שטאט.

דער געטרייער רייטער איז גלייך ארויסגעפארן פונעם קעניגליכן פאלאץ, און בלייך־שנעל האט ער געטראפן דעם איד אין איינס פון די גאסן פון שטאט. ער האט אים גלייך געכאפט און אים געפירט צום קעניגליכן פאלאץ. דער איד איז זייער דערציטערט געווארן, וויבאלד ער האט פארשטאנען אז מען איז אים חושד חלילה אלץ א שפיאן וויבאלד ער איז דורכגעפארן נעבן דער קעניגליכער פאלאץ. דער סאלדאט האט אבער גע'טענה'ט אז ער ווייסט גארנישט דערפון, און ער פירט נאר אויס דעם באפעל וואס איז אים געגעבן געווארן, און נישט מער דערפון!

צו זיין וואונדער, האט מען גלייך אריינגעפירט אינעם קעניגליכן פאלאץ, אינעם זאל וואו מען נעמט אויף די גאר חשוב'ע געסט. דא האט דער קייסער בכבודו ובעצמו אריינגעשפאנט אינעם זאל, און ער האט געהייסן זיין וועכטער אז ער זאלווארטן אינדרויסן. יעצט זענען נאר זיי ביידע געווען אינעווייניג.

דו דערקענסט מיר אפשר? – האט דער קייסער געפרעגט.

ניין, נ-ניין! האט דער איד געענטפערט, ווען ער ציטערט פון שרעק. ער האט זיך גענומען בעטן ביים קעניג אז מען זאל אים גארנישט טון, ווייל ער איז חלילה נישט קיין שפיאן, ער האט דא גארנישט געזוכט...

דער קייסער האט אים בארואיגט: דו ווערסט דא נישט 'פארהאלטן' פאר קיין שום שלעכטער זאך, נאר וויסן זאלסטו, אז איך בין דער 'גאסט' וואס דו האסט אויפגענומען דער נאכט ביי דיר אינדערהיים, און דו האסט מיר אזוי שיין אויפגענומען. דער קייסער האט אים יעצט ווידעראמאל הארציג באדאנקט פאר אלעס וואס ער האט אים געטון, און דער איד וועלכער איז געבליבן שטיין פארוואונדערט, האט זיך יעצט גענומען בעטן פונעם קעניג אז ער זאל אים מוחל זיין, פארן אים נישט גענוג מכבד זיין, וויבאלד ער האט נישט געוואוסט אז דאס איז דער קעניג אליין וואס האלט זיך אויף ביי אים אינדערהיים.

יעצט האט דער קעניג אים ערקלערט, אז ער וויל אים גאר שיין באלוינען פאר אלעס וואס ער האט געטון מיט אים. דער איד האט זיך אבער אפגעזאגט דערפון, ערקלערנדיג אז אלץ איד איז עס פאר אים א געוואלדיגע מצוה אז ער האט זוכה געווען צו ראטעווען דעם לעבן פונעם קעניג, און דאס איז אים מער ווערד ווי יעדער פארמעגן, און מען דארף אים גארנישט באצאלן דערפאר!

דער קייסער האט זיך אבער שטארק געבעטן ביי אים – מעגליך דארפט איר עפעס הילף אדער האסטו עפעס א בקשה, דו קענסט בעטן וואס דו ווילסט נאר, און וועלכע בקשה דו וועסט נאר בעטן, וועל איך ערפילן ביזן סוף! – האט דער קעניג צוגעזאגט.

האט זיך דער איד אביסל פארטראכט, ביז ער האט זיך דערמאנט: הויכגעשעצטער קעניג, איך בין א סוחר און איך האנדל מיט פעל פון בהמות, און עס איז דא ב"ה פרנסה בשפע, דער פעל האנדל אין אונזער געגנט איז זייער מצליח. אבער לעצטנס האט נאך א איד געעפנט א געשעפט צו האנדלען מיט פעל, און איך האב מורא אז דער נייער געשעפט וועט שטערן מיין פרנסה, דעריבער בעט איך פונעם קעניג אז ער זאל הייסן אז דער צווייטער איד מוז שוין פארמאכן זיין געשעפט!

דער קייסער איז ערשטוינט געווארן צו הערן דעם מאדנעם פארלאנג. ער האט נישט געקענט פארשטיין. דער מענטש האט דאך נארוואס געהערט אז ער קען בעטן וואס ער וויל נאר! ער וואלט דאך געקענט בעטן א ריזיגע עשירות וואס וואלט געווען אסאך מאל מער ווי אלע פעל פון אים מיט זיין חבר צוזאמען! און וואס איז יעצט זיין דאגה, וואס ער האט געדארפט בעטן דערויף א בקשה פונעם קעניג אינעם עת רצון, נישט מער און נישט ווייניגער ווי דאס אז דער קעניג זאל פארמאכן דער געשעפט פון זיין חבר!

אויפאמאל איז ארויפגעשווימען ביים קעניג דעם גאנצן דין ודברים וואס ער האט געהאט מיט זיין אידישן יועץ מיט עטליכע טעג צוריק, וועלכער האט אים ערקלערט אז צוליב די מחלוקת'לעך און שנאת חנם ביי אידן, פלאגן זיי זיך נאך אלץ אינעם לאנגן ביטערן גלות.

דער קעניג האט גלייך געלאזט רופן דעם צדיק רבי שמשון, און אים געזאגט: איך בין שוין יעצט איבערצייגט ווי שרעקליך איז אט די שנאה, רח"ל, יעצט פארשטיי איך אז דו ביסט גערעכט!

ער האט גלייך גענומען דער גירוש־באפעל אין זיין האנט, און עס צוריסן אויף שטיקלעך, **וליהודים היתה אורה ושמחה!**





◆ מוקד הזמנות ספרים ◆
של הגה"צ רבי גמליאל הכהן רבינוביץ שליט"א
קו ההזמנות של מכון טיב 0733-22-76-09
טלפון אחד והספר אצלך
ללא עלות דמי משלוח



יו"ל ע"י קהילת שבתי בבית ד' | רח' ישעיהו 7 ירושלים טל: 078-3331109 05276-10455 | shivti11@gmail.com

יהודי יקר! אל תחזיק טובה לעצמך, הנך מוזמן להדפיס ולהפיץ את העלון באזור מגוריך ולהיות שותף לזיכוי הרבים. המעוניינים יקבלו את העלון במייל (אפשר גם ישירות לדפוס) בקובץ להדפסה.

Anyone Interested in receiving Tiv Hakehila weekly in Hebrew or English should Email - Sheldon@hpins.net Or | zeligk@gmail.com or text 718-249-7173